בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נצבים וילך תשע"ז | ראש השנה תשע"ח | גליון 426 [שנה ט']

**א דאפעלטע לשון כלכם און כל איש ישראל**

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל: (כט ט) פרעגן די מפרשים אז עס שטייט כֻּלְּכֶם מיינט דאך אלע אידן, פארוואס שטייט ענדע פסוק כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל? נאר עס שטייט אין הייליגן זוהר: היום איז ר"ה און דער הייליגער טאטע פון ווישיווא הרה"ק ר' מנחם מענדל האט געזאגט מ'קדש י'שראל ו'יום ה'זכרון איז די ר"ת היום מרומז אויף ר"ה. און עס איז ידוע דער סיפור ביים הייליגן בעש"ט וואס א דארפ'ס אינגל איז געקומען ר"ה אין שול און האט נישט געקענט דאווענען אבער ער האט געזען דעם ברען און קאך פון הייליגן בעש"ט און האט אריינגעלייגט זיין פינגער און מויל און געפייפט אזוי ווי מען רופט די שאף, און דער בעש"ט האט געזאגט אז דאס האט געמאכט א גרויסע רושם אין הימל, ווייל עס איז געווען פון טיפעניש פון הארץ. דאס מיינט די פסוק, אלע שטייען פארן אויבערשטן, נישט נאר דער חזן, נאר אפילו דער פשוט'סטע מענטש מיט זיין בעטן פון טיפעניש פון הארץ, וועט ארויפגיין זיינע תפילות. (זכר חיים ווישיווא)

**שופר ברענגט תשובה**

פֶּן יֵשׁ בָּכֶם 'שֹׁרֶשׁ 'פֹּרֶה 'רֹאשׁ 'וְלַעֲנָה: (כט יז) זאגט רש"י מען מיינט א שלעכטער מענטש צווישן אייך. דאס מיינט וואס ער טוט עבירות, זאגט די תורה וואס איז די עצה פאר אזא מענטש? מען דארף זען ער זאל תשובה טאן דורך תקיעת שופר וואס דאס ברענגט אריין א הרהור תשובה אין א מענטש, אזוי ווי עס שטייט (עמוס ג ו) אִם־יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ, דאס איז דער רמז דא שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה די ר"ת איז שופר, און מען לייענט דאך פ' נצבים פאר ר"ה און עס שטייט אין הייליגן זוהר אז אתם נצבים 'היום' מיינט ר"ה, וועגן דעם איז דא דער רמז פון שופר, ווייל דאס ברענגט דער מענטש צו תשובה טאן. (תפארת אבות – ר' בנימין פרידמאן מישקאלץ)

אז מען דערמאנט וועגן שופר וואס איז מעורר צו תשובה, איז כדאי צו ברענגען דעם הייליגן לשון פון בית אהרן קארלין פ' נצבים, וז"ל "כללו של דבר מאוד צריך כל אדם לעשות תשובה בראש השנה ובפרט בעת תקיעת שופר וכו' ועיקר הוא התשובה שהאדם עושה בימים הנוראים הללו ופשיטא בעת תקיעת שופר אשר עי"ז נתעלים כל העולמות ממטה למעלה וכשעושה כך אזי מחדש השם יתברך לבו ליראתו ומביא לזה העולם כל האורות עליונים ונפתחים מקורות הרחמים" עכ"ל. [זעהט מען אז די עיקר תשובה איז ביי תקיעת שופר ווייל די שופר איז מעורר צו תשובה. המו"ל]

**שופר מאכט שטיל די מקטריגים**

מען קען אויך זאגן דאס וואס עס שטייט 'שֹׁרֶשׁ 'פֹּרֶה 'רֹאשׁ 'וְלַעֲנָה (כט יז) און זייער ר"ת איז שופר, ווייל זיי זענען די מקטריגים אויפן מענטש, איז מיט וואס קען מען שטיל מאכן די מקטריגים? דורך תקיעת שופר וואס איז אויך מרומז אין די זעלבע ווערטער, ווייל עס שטייט אז דער שטן דערשרעקט זיך ווען ער הערט דעם שופר ווייל ער מיינט אז דאס איז שופר של משיח. (תורת המצרף, מהר' משה הלוי ראטה מו"ץ ווייטצען) עס איז דא א רמז צו דעם ווייל שופר איז די ר"ת ו'אין ש'טן ו'אין פ'גע ר'ע, דורכן שופר גייט אוועק די מקטריגים. (זכר דוד)

**מחשבה ביי עו"ז איז ווי א מעשה**

וְאִם־יִפְנֶה לְבָבְךָ וְלֹא תִשְׁמָע וְנִדַּחְתָּ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לֵאלֹהִים אֲחֵרִים וַעֲבַדְתָּם: הִגַּדְתִּי לָכֶם הַיּוֹם כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן: (ל יז –יח) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין די ווערטער וְאִם־יִפְנֶה לְבָבְךָ, עס וואלט געקענט נאר שטיין וְנִדַּחְתָּ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ, אז מען האט זיך געבוקט צו עו"ז? אויך איז שווער די דאפעלטע לשון כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן, עס וואלט געקענט נאר שטיין כִּי תֹאבֵדוּן? נאר די גמ' (קידושין דף לט ע"ב) זאגט אז א מחשבה רעה, צו טאן א עבירה, איז אֵין הקב"ה מצרפה למעשה, אבער ביי עו"ז אויב מען טראכט צו דינען עו"ז רח"ל איז דאס אזוי ווי א מעשה און מען באקומט א עונש אויף דעם, דעריבער שטייט אין פסוק ביי עו"ז: אפילו וְאִם־יִפְנֶה לְבָבְךָ, וועסט נאר טראכטן צו דינען עו"ז, וְנִדַּחְתָּ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לֵאלֹהִים אֲחֵרִים וַעֲבַדְתָּם, וועט זיין גערעכנט אזוי ווי האסט געדינט, דעריבער שטייט כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן, איינס אויף די מעשה עו"ז און איינס מחייב צו זיין אויף מחשבה. (תנופה לחיים ר' חיים פאלאז'י)

**א פליאה אויפן אור החיים הק'**

וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל־כָּל יִשְׂרָאֵל: (לא א) פרעגט דער אור החיים הק' פארוואס שטייט אֶת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה? און ענטפערט אז הגם עס איז געווען דעם טאג פון זיין פטירה, אזוי ווי עס שטייט וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, און עס שטייט אין תוספתא (סוטה יא ה"ג) שאין ת"ל הַיּוֹם ומה ת"ל הַיּוֹם מלמד שהיום מלאו שנותיו. פונדעסטוועגן האט משה נאך געהאט דעם כח איבער צוגעבן אלעס וואס עס שטייט, וואס דאס וואלט נישט געווען מעגלאך ביי א אנדערן מענטש ע"כ. (אור החיים הק') פרעגט הגאון ר' אברהם פאלאז'י אז אין די תורה שטייט נישט "כָּל" הַדְּבָרִים, און דער גאנצן חידוש פון הייליגן אור החיים איז געבויט פון "כָּל" אז משה האט אלעס געזאגט אין דעם טאג פון זיין הסתלקות און ער בלייבט וצ"ע. (אברהם אנכי ר' אברהם פאלאז'י)

**א צובראכענער הַארץ אבער מיט שמחה**

אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה ה' בְּאוֹר־פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן: (תהלים פט ז) אין ר"ה דארף מען זיין מיט א לב נשבר, יֹדְעֵי תְרוּעָה, וואס תרועה איז א לשון פון צובראכנקייט אזוי ווי עס שטייט תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל: (תהלים ב ט), און מען דארף אויך זיין בשמחה, א אוֹר־פָּנֶיךָ, האבן א ליכטיגע פנים אין ר"ה, און דאס איז נאר שייך ביי אידן, אַשְׁרֵי הָעָם. (תורת אבות סלאנים) דאס איז די גדר פון וְגִילוּ, מען דארף זיין בשמחה, אבער בִּרְעָדָה אויך ציטערן פון אויבערשטן מיט א צובראכענע הַארץ. און א שיינע רמז צו דעם: שופר איז די נוטריקון ש'פל ר'וח ו'לב נ'שבר, ספר זרע יעקב, און אין עטרת ישועה דזיקוב, שטייט שופר איז נוטריקון שְׂ'חוֹק פִּ'ינוּ וּ'לְשׁוֹנֵנוּ רִ'נָּה (תהלים קכו ב). דאס איז וואס עס שטייט פריערט עס דארף זיין אין ר"ה א לֵב נִשְׁבָּר אבער אויך בשמחה. (שמח זבולון תשע"ז)

**שבת סליחות בעטן פאר שפלות:** עס שטייט אז ביי שלש סעודות איז א גוטע צייט צו מתפלל זיין אז מען זאל זוכה זיין צו זיין בשפלות, און דער שבת פאר ראש השנה איז א גאר גוטע צייט מתפלל זיין ביי שלש סעודות אז מען זאל זיין בשפלות אין ראש השנה און אזוי וועט מען דורך מאכן דעם יום הדין לטוב. (אמרי פנחס קארעץ)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

# מדור העובדות סיפור לראש השנה

## דעם הַבֵן יַקִיר לִי אֶפְרַיִם האט צוריק געברענגט א נשמה צוריק צום שורש

דער הייליגן צדיק ר' דוד מטאלנא זון פון הייליגן מגיד פון טשערנאביל זצוק"ל און מחבר ספרים ברכת דוד, מגן דוד און קהלת דוד, האט געהאט ביי אים א חסיד מיטן גאנצן ברען, ר' יענקל, א זעלטענער בעל תפילה, א גוטע שטימער און ער האט געהאט א כח אז אפילו א פארשטיינערטער הארץ האט ער צוגאסן, און אנגעווארעמט דעם עולם. און בפרט ווען עס איז געקומען די הייליגע טעג ביים צדיק ר' דוד און עס איז געקומען א גרויסער עולם זיין ביים צדיק זענען געווען די תפילות פון ר' יענקל א העכערע עבודה פון השתפכות הנפש.

ר' יענקל האט געהאט א זון משה וואס האט געהאט א זעלטענע שטימע און ער האט געהאלפן זיין טאטן זינגען אפאר שטיקלאך אין דאווענען, אבער איין טאג האט ר' יענקל באקומען א לונג אנצינדונג און געווארן זייער שוואך און האט כסדר געחזנ'ט דעם שטיקל פון הבן יקיר לי אפרים און זיין קליין משה'לע האט דאס גוט איינגעחזר'ת. לא עלינו איז ר' יענקל נפטר געווארן יונג. משה איז געווארן א יתום און אנגעהויבן מאכן קונסן, און זיין מאמע האט אים פרובירט צו זאגן מוסר אבער ער האט זיך אויס געלאכט. מען האט גענומען א נייעם חזן אויף ימים נוראים און ער איז געווען נאנט מיט ר' יענקל און מען האט אים געבעטן ער זאל אכטונג געגעבן אויף משה. אויף ר"ה האט דער חזן מיטגענומען משה אים צו העלפן, וועגן זיין זעלטענע שטימע.

דער חזן האט אים געלערנט משה א נייעם ניגון אויף כבקרת רועה עדרו און משה האט דאס גוט איינגעחזר'ת. ווען עס איז אנגעקומען די צייט צו זינגען דער נייע ניגון און דער חזן ווינקט פאר משה אנצופאנגן דעם ניגון און דער עולם ווערט שטיל. משה האלט זיך שטאלץ אבער בטעות האט ער אנגעהויבן דעם ניגון פון הבן יקיר לי אפרים וואס ער האט אזוי פיל געהערט ביי זיין טאטן. משה זינגט און פארמאכט זיינע אויגן און ער שוועבט אין א אנדערן וועלט. דער חזן רעגט זיך אבער דער רבי פון טאלנא קוקט אויף משה און ווען ער האט געענדיגט דעם ניגון האט דער רבי אים געהייסן דאס זינגען נאכאמאל.

דאס מאל האט דער צדיק פון טאלנא זיך אויך פארטיפט אין דעם ניגון און זיך פאר'דביקות אין דעם ניגון, א וואונדער צום גאנצן עולם איז געווען ווען דער רבי האט געוואונקען פאר משה דאס צו זינגען א דריטן מאל, דאס מאל האט זיך שוין געגאסן שוויים און טרערן פון צדיק און דער גאנצער עולם האט מיט געוויינט. דער ניגון האט אריין געברענגט א טיפן השתפכות הנפש און א העכערקייט. נאכן דאווענען האט דער רבי געדאנקט דעם יונגן משה'לע און אים געזאגט דער אויבערשטער זאל דיר העלפן אז פון דיין מויל זאל נאר ארויסגיין הייליגע ניגונים און זאלסט נישט ווערן פארכאפט.

משה'לע איז געווארן גערירט פון דעם סטענצי" און געווארן בעסער אין זיין אויפירונג. אבער ליידער די גאס דעמאלטס איז געווען פול מיט השכלה און א מלחמה פון די משכילים און די עהרליכע אידן און די משכילים האבן געלייגט א אויג אויף דעם משה'לע וויסנדיג אז ער האט א זעלטענע שטימע און אזוי וועט מען אים אויסלערנען זייערע ניגונים און ער וועט זיי מהנה זיין! די הויפט פון די משכילים פון זיין שטאט האט פארגעלייגט פאר משה'לע א גרויסע סומא געלט און כבוד וואס ער וועט באקומען.

דער יונגער משה האט זיך געלאזט איינרעדן און געפאקט זיינע פעקלאך און זיך געזעגנט פון זיין צובראכענע מאמע. זי האט געוויינט און געבעטן ער זאל דאס נישט טאן און געזאגט פארשעם נישט דיין טאטן, אבער ער איז געשטאנען פעסט אין זיין החלטה און איז געגאנגען זיין וועג. ער איז אנגעקומען אין דעם גרויסן שטאט און מען האט אים געברענגט צו די גרויסע חזנים וואס האבן זיך געטשאטשקעט מיט אים און בליץ שנעל איז זיין נאמען געווארן פארשפרייט אלץ א שטערן אין די וועלט פון חזנות. מען האט באשטימט א טאג וואס מען וועט מאכן א קאנצערט און משה וועט זיין דער זינגער. פון גאנצן שטאט האט מען געקומען זיך באקענען מיטן נייעם שטערן.

משה האט געוויזן א פנים פון צופרידנהייט אבער טיף טיף האט עפעס אינעווייניג פון אים וויי געטאן, זיין טאטע איז געקומען צו אים אפט אין חלום און געבעטן ער זאל אפלאזן די משכילים און צוריק קערן צו זיין מאמע און צום צדיק פון טאלנא. און דאס האט אים זייער שטארק באנומען.

עס איז געקומען דעם טאג פון גרויסן קאנצערט און משה האט געהאט גרויס כבוד, ער האט גענומען טרינקען יענעם טאג כדי צו פארגעסן די געבעט פון זיין טאטן און איז ארויף אויף די במה און די מוזיק האט אנגעפאנגן שפילן און מען שפילט אוןווארט ביז משה וועט שוין אנפאנגען זיין ניגון. אבער משה זינקט זיך איין אין א טיפן טראכט און אנקעגן אים קומט צוריק זיינע טעג אין חדר און אויך ווען ער איז געווען ביים צדיק און געזונגען הבן יקיר לי אפרים, און אז דער רבי האט דאס באוואונדערט, און אויך די ברכה פון רבין עס זאל נאר ארויסגיין פון זיין מויל הייליגע ניגונים! אוי! וואו בין איך יעצט? טראכט משה'לע!

דער הויפט חזן גייט צו אים און וועקט אים פון זיין טיפע מחשבה און בעט אים ער זאל שוין זינגען. משה'לע האט פארגעסן וואו ער איז יעצט און האט אנגעפאנגען דעם ניגון פון הבן יקיר לי אפרים, ער איז אין א אנדערן וועלט, די מענטשן האבן געשריגן ער זאל שוין אויפהערן אבער משה'לע ענדיגט זיין ניגון מיט רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נְאוּם ה'!

זיין איבערזעהער האט רחמנות געהאט אויף משה'לע און האט געזאגט ער זאל שנעל אנטלויפן אויב זיין לעבן איז טייער איידער די מענטשן וועלן אים כאפן. און משה'לע גייט פון א אונטערשטן טיר און אנטלויפט ווי שנעל ער קען, ער ווייסט נישט וואו ער לויפט אבער ער איז געלאפן פון שטאט און געגאנגען טעג און נעכט, געטראכט פון תשובה טאן און אזוי איז ער אנגעקומען אינמיטן שבת ביים שלש סעודות אין טאלנא מיט צוריסענע קליידער און הונגעריג. דער רבי האט אים געהייסן זיך וואשן און דערכאפן זיין הונגער און האט אים מקרב געווען און משה איז געווארן א עהרליכן איד.

דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן 14 ועזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז


**יעצט ווערט דרייסיג יאר וואס מיר פארקויפן**

**אתרוגים פון ארץ ישראל און שיינע לולבים דרי, עס וועט זיין צו באקומען אי"ה נאך ראש השנה. אפן ביז 10 אזייגער**

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר"א נדיר מאוד $5000. ספר "והוא שאול" פולמוס על החיים באמעריקא מיוסד על שיר השירים באסטאן תרע"א $1000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $5000 שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אלעזר הורוביץ $2000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, ספר שייך להגה"ק ר' משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי"ם זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה הימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000,

If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge

4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*


דער קומענדיגער גליון וועט זיין פרשת נח תשע"ח

**מיר ווינטשן כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.**